**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/5/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון 5.7 מיליאן דאלארדיגער 'גאנצע-געסער' פראיעקט אין סאראטאָגע ספרינגס

***נייע ביציקל ליניעס און טראטוארן לענגאויס היסטארישע Union Avenue וועלן פארבעסערן צוטריט צו Saratoga Race Course און צו די שטאט'ס שטאט-צענטער דיסטריקט***

***פעך אויף Union Avenue וועט איבערגעפרישט ווערן; ארבעט וועט זיך אפשטעלן פאר זומער פארמעסטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ארבעט הויבט זיך אן אויף א 5.7 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו פארשטערקערן די זיכערהייט פאר פיסגייער און ביציקליסטן לענגאויס Union Avenue אין די סיטי אָוו סאראטאָגע ספרינגס. דער 'גאנצע-געסער' פראיעקט וועט צולייגן א נייע טראטואר און ביציקל ליניעס צו די וויכטיגע גאס וואס דינט אלץ א טויער צו די שטאט'ס לעבהאפטיגע שטאטישע צענטער און צו די היסטארישע Saratoga Race Course. די פעך אויף Union Avenue וועט אויך איבערגעפרישט ווערן אלץ טייל פון דעם פראיעקט.

"פארברייטערן צוטריט פאר ביציקליסטן און פיסגייער איז א הויפט טייל פון אונזער צוזאג צו אינוועסטירן אין אינפראסטרוקטור וואס פארבינדט פונדאסניי קאמיוניטיס און וואס ברענגט געלעגנהייטן פאר פארוויילונג, טוריזם און עקאנאמישע וואוקס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער גאנצע-געסער פראיעקט אין סאראטאָגע ספרינגס וועט צוגעבן צו די חן פון די היסטארישע שטאט אפסטעיט און דאס מאכן גרינגער פאר איינוואוינער און באזיכער צו זעהן אלעס וואס עס האט צו אפפערן אן זיך אריינזעצן אין זייערע קארן."

דער פראיעקט איז פלאנירט און דעזיינט געווארן צו נאכקומען די ציהלן פון די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס "גאנצע געסער" (Complete Streets) איניציאטיוו צו ארייננעמען אין באטראכט זיכערע, באקוועמע צוטריט פאר אלע באניצער פון די גאס, אין יעדע עלטער, מיט אדער אן דיסאביליטיס. גאנצע-געסער פראיעקטן נעמען אין באטראכט די באדערפענישן פון פיסגייער, ביציקליסטן, פובליק טראנספארטאציע באניצער, דרייווערס, קינדער, עלטערע מענטשן און מענטשן מיט דיסאביליטיס. גאנצע-געסער דעזיינס ביישטייערן צו א ריינערע און מער ענווייראמענט-פריינטליכע טראנספארטאציע סיסטעם. אין דעצעמבער האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א געזעץ צו צושטעלן נאך שטיצע פאר לאקאלע "גאנצע-געסער" פראיעקטן אריבערן סטעיט.

Union Avenue, וואס איז אויך באקאנט אלץ סטעיט רוט P9, פארבינדט זיך צו די עדיראַנדעק נאָרטוועי (אינטערסטעיט 87) ביי עקזיט 14, זייענדיג איינס פון די געסער פון וואו צו אנקומען צו סאראטאָגע ספרינגס און צו די היסטארישע פערדן פארמעסט טרעק וואס ציהט צו מער פון 1 מיליאן באזיכער יערליך. די קשר צווישן סאראטאָגע'ס היסטאריע פון פערדן פארמעסטן און די גאס איז גוט

אוועקגעשטעלט. אין אוגוסט האט גאווערנער האקול דעזיגנירט Union Avenue אלץ "מערילו וויטני וועי" (Marylou Whitney Way) אין נאמען פון די פילאנטראפין און באקאנטע פרוי פון די סאראטאָגע קאמיוניטי. דער געוועזענער לעגענדארער ספארטס זשורנאליסט, רעד סמיט, איז אויך באקאנט צו אנגעבליך האבן געגעבן די פאלגנדע אנווייזונגען וויאזוי צו אנקומען צו די Saratoga Race Course: "פון ניו יארק סיטי דרייוועט צפון צו פאר בערך 175 מייל, דרייט זיך לינקס אויף Union Avenue און גייט צוריק א 100 יאר."

אלץ טייל פון דעם פראיעקט וועט די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט ( New York State Department of Transportation, NYSDOT) אינסטאלירן א נייע טראטואר וואס קומט נאך די פאדערונגען פון דעם 'אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס געזעץ' (Americans with Disabilities Act) אויף די צפון זייט פון Union Avenue צו פארבינדן Polk Avenue און די New York Racing Association געיט 16 מיט East Avenue. פינף-פוס-ברייטע ביציקל ליניעס וועלן געפארבט ווערן איןביידע ריכטונגען צווישן East Avenue און Henning Road.

א שטרעקע פון אומגעפער דריי מייל פון Union Avenue, צווישן East Avenue און די בריק העכער די סאראטאָגע לעיק, וועט פונדאסניי אויסגעפלאסטערט ווערן און נייע אפלויף סטרוקטורן וועלן צוגעלייגט ווערן צווישן East Avenue און Henning Road צו פארבעסערן שטורעם וואסער אפלויף. Union Avenue אין די מערב ריכטונג וועט פארקלענערט ווערן צו איין ליניע דורכאויס קאנסטרוקציע; אבער קיין שום ארבעט וועט נישט ערלויבט ווערן צו פארקומען דורכאויס די זומער פארמעסטן סעזאן. די רעשט פון די ארבעט וועט זיך צוריק אנהויבן נאך לעיבאר דעי. דער גאנצער פראיעקט איז געסקעדזשולט צו פארענדיגט ווערן ביז יוני 2024.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "סאראטאָגע ספרינגס און די Saratoga Race Course זענען דיאמאנטן פון די הויפטשטאט ראיאן און צווישן די מערסט-פאפולערע אטראקציעס אין ניו יארק סטעיט. מיט די פארבעסערונגען צו Union Avenue, מאכן מיר דאס גרינגער פאר ארטיגע איינוואוינער און באזיכער צו איבערלאזן זייערע קארן און האבן די ערפארונג פון סאראטאָגע גייענדיג צופיס אדער פארנדיג אויף א ביציקל — ערלויבנדיג יעדן איינעם צו געניסן פון די היסטאריע און לעבהאפטיגקייט פון די קאמיוניטי און אירע פאפולערע פארוויילונג דעסטינאציעס."

**סטעיט סענאטאר דזשים טעדיסקאָו האט געזאגט,** "די נייע ביציקל ליניע און טראטואר לענגאויס Union Avenue אין סאראטאָגע ספרינגס וועט צושטעלן פאר איינוואוינער און באזיכער צו די היסטארישע Saratoga Race Course א זיכערע און באקוועמע וועג צו גיין צופיס, פארן אויף א ביציקל און מאכן איבונגען אין די 'ספא שטאט'."

**סטעיט אסעמבלי מיטגלידערין קערי ווערנער האט געזאגט,** "איך וויל אויסדרוקן מיין טיפע דאנקבארקייט פאר גאווערנער האקול פאר דעם גרויסן און גאר-נויטיגן זיכערהייט פראיעקט צוליב די אינטענסיווע באנוץ מיט Union Avenue, באזונדערס דורכאויס די פארמעסטן סעזאן. מיט פארקינג לאטס און פערד שטאלן אויף ביידע זייטן פון Union, זענען דא טוריסטן, שטאל ארבייטער און געפלעגטע פערדן וואס גייען אריבער די גאס בייטאג און ביינאכט, אין צוגאב צו די קארן, ביציקלער, גאלף קארטס און שטרוי-אנגעפילטע טראקס. די טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס גאנצע געסער פראיעקט גייט פארמערן יעדן'ס זיכערהייט אויף א געוואלדיגן פארנעם, און איך וואלט נישט געקענט זיין מער באגייסטערט דערוועגן."

**סאראטאָגע קאונטי באורד אָוו סופּערווייזארס פארזיצער, טעאדאר ט. קוסינערז דזשוניאר, האט געזאגט,** "אין סאראטאָגע קאונטי האבן מיר דאס געשטעלט אלץ פריאריטעט צו שטיצן זיכערע וועגן צו

מיטטיילן די גאס מיט פיסגייער און ביציקליסטן דורך אונזער טרעילס אינציאטיוו וואס שאפט און פארשפרייט דאס גיין צופיס און פארן אויף ביציקלעך אריבער די קאונטי. שאפן מער קאמיוניטיס וועלכע זענען פריינטליך צו פיסגייער און ביציקליסטן, באזונדערס אין אונזער גרעסטע שטאט סאראטאָגע ספרינגס, העלפט היטן אויף סאראטאָגע קאונטי'ס סטאטוס אלץ איינס פון די געזונטסטע קאונטיס אין ניו יארק סטעיט. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און פאר די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפּארטמענט פארן אינוועסטירן אין סאראטאָגע קאונטי דורך די 'גאנצע-געסער' אינציאטיוו."

**סיטי אָוו סאראטאָגע ספרינגס מעיאר ראן קים האט געזאגט,** "איך בין גאר באגייסטערט אז גאווערנער האקול מאכט די אינוועסטירונג אין טרעילס פאר מערערע באנוצן אין אונזער קאמיוניטי. מיין אדמיניסטראציע האט געשטופט פאר- און געבויט פארבינדענע נעטווארקס פון ביציקל און פיסגייער וועגן אריבער די שטאט כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס, שניידן קאר טראפיק און צו מאכן סאראטאָגע מער צוגענגליך פאר אלע אירע איינוואוינער און באשיצן די ענווייראמענט פאר צוקונפטיגע דורות. דער פראיעקט איז א קריטישע טייל פון די באמיאונג און א קריטישע עלעמענט ביים איינפירן אונזער גאנצע-געסער פלאן."

דרייווערס ווערן ערמוטיגט צו פארן שטייטער און צו דרייוון פאראנטווארטליכערהייט אין ארבעט'ס זאנעס. קנסות זענען געטאפלט פארן פארן שנעל אין אן ארבעט'ס זאנע. געפונען ווערן שולדיג פאר צוויי אדער מער פארלעצונגען פון פארן שנעלער ווי ערלויבט אין אן ארבעט'ס זאנע קען ברענגען אז דעם מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס זאל ווערן סאָספּענדעד.

דרייווער ווערן דערמאנט זיך אריבערצורוקן צו די אנדערע לעין אויב עס איז מעגליך דאס צו טוהן אויף א זיכערן אופן, אדער צו פארן אסאך שטייטער ביים זיך אנטרעפן מיט מאשינען וואס פארן אויפן זייט פון די ראוד מיט רויטע, בלויע, אראנדזשע אדער גרינע לייטס, אריינרעכענענדיג אויפהאלטונג און קאנסטרוקציע מאשינען אין ארבעטס זאנעס.

פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער די געסער, רופט 511, באזוכט www.511NY.org אדער דאַונלאָודט די אומזיסטע NY511 טעלעפאן עפּ.

פאַלאָוט די ניו יארק סטעיט DOT אויף Twitter: ‎@NYSDOT. איר קענט אונז טרעפן אויף פעיסבוק ביי facebook.com/NYSDOT. פאר טוויטס פון ניו יארק סטעיט DOT ראיאן 1 (וואס דעקט די הויפטשטאט ראיאן), פאַלאָוט ‎@NYSDOTAlbany.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן